זיין אז די כותרת האט דער מניח המאמר ניט געשריבן, ועוד זאת, דער חוזר וואס האט גע'חזר'ט דעם מאמר האט זיכער ניט געשריבן די כותרת, וואס דערפון איז מובן אז די כותרת איז ניט מוכיח אויפן מאמר אליין, וכאמור - מסגנונו און ממקומו וואו דער כת"י איז געלעגן, איז מוכח אז מ'קען זיך אויף דעם פארלאזן.

וע"פ הנ"ל - אז דער מאמר איז א דבר חדש וואס איז איצטער נתגלה געווארן, האט ער א ספעציעלע חביבות, און דערצו - ברענגען זיך אין דעם מאמר אויך מהענינים התדירים ורגילים במאמרי ד"ה אני לדודי - וועט מען איבער'חזר'ן זיין תוכן בקיצור.

כה. מאמר (כעין שיחה) ד"ה אני לדודי ודודי לי הרועה בשושנים.

* * *

כו. ס'איז אויך רגיל אפצולערנען א פסוק פון פרשת השבוע צוזאמען מיט פירוש רש"י, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר בקשר עם פרשתנו, אין די שבתות הקיץ - אן ענין אין דעם פרק השייך לשבת זה, ולאחרונה - אויך אן ענין אין דעם שיעור היומי בספר הרמב"ם.

בנוגע צו פרש"י - וועט מען זיך אפשטעלן אויף א רש"י בפרשתנו קאפיטל יד פסוק ג.

ולהעיר אז באם רמב"ם געפינט מען א ספעציעלע חביבות אין דעם מספר י"ד (אזוי ווי קאפיטל יד):

באם רמב"ם געפינט מען בכלל א חביבות במנין ומספר, ווי מ'זעט (וכמדובר כמ"פ) אז דער רמב"ם בספרו רעכנט מספר ההלכות (הכלליות) שבכל ספר מי"ד הספרים בספר יד החזקה וכו', און בכ"מ בספרו שרייבט ער דעם מנין[118].

און א חביבות מיוחדת געפינט מען ביי אים בנוגע צום מספר י"ד: ער האט איינגעטיילט זיין ספר היד אויף י"ד ספרים. און ער האט אויך אנגערופן דעם ספר מיטן נאמען "יד החזקה" (נוסף לזה וואס ער רופט אים "משנה תורה" בהקדמתו להספר). און אויך אין מורה נבוכים[119] - טיילט ער אין מצוות אויף י"ד סוגים. ועוד.

וועט מען זיך אפשטעלן אויף א רש"י אין קאפיטל יד.

ואע"פ אז ס'איז ידוע די שקו"ט ווער עס האט געמאכט די

118) ראה יד מלאכי כללי הרמב"ם אות לד. וראה גם אגרת תחה"מ שלו - ע' עד בהוצאת קאפח. 119) ח"ג פל"ה ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

חלוקה און צי מ'קען זיך פארלאזן אויף דער חלוקה פון די קאפיטלען שלפנינו - ווייל מכמה מקומות בתושבע"פ זעט מען אז זיי האבן געהאט אן אנדער חלוקה, און אנדער מספר הפרשיות ופסוקים כו' (ווי געדרוקט בסוף כל חומש). ובכלל - בכ"מ קלעפט ניט בתוכן הענינים די חלוקה שלפנינו -

אעפ"כ, וויבאלד אז די חלוקה שלפנינו איז געדרוקט געווארן אין די חומשים מער ווי שלש שנים דהוי חזקה[120], און מער ווי שלשה דורות - מוז מען זאגן אז דאס האט עפעס א תוקף פון מנהג ישראל כו'.

כז. בפרשתנו קאפיטל יד פסוק ג שטייט: "לא תאכל כל תועבה". שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "כל תועבה", און איז מפרש - און אלע מפרשים שטעלן זיך אויף דער רש"י: "כל שתעבתי לך, כגון צרם אוזן בכור כדי לשוחטו במדינה הרי דבר שתעבתי לך, כל מום לא יהי' בו[121], ובא ולמד כאן שלא ישחט ויאכל על אותו המום. בשר בשר בחלב הרי דבר שתעבתי לך, והזהיר כאן על אכילתו".

דארף מען פארשטיין:

א) וואס איז שווער אין פסוק אז רש"י דארף בכלל מפרש זיין א פירוש?

ב) אויב רש"י איז שוין מפרש א פירוש אז "כל שתעבתי לך" - פארוואס גיט ער דוקא די דוגמאות וועלכע זיינען יוצא מן הכלל:

רש"י האט פריער מפרש געווען כו"כ פעמים[122] אז "דיבר הכתוב בהווה". לדוגמא: עה"פ[123] "ובשר בשדה טריפה" איז רש"י מפרש: "אף בבית כן אלא שדבר הכתוב בהוה מקום שדרך בהמות ליטרף".

האט דאך רש"י בפסוק זה געדארפט אויך געבן א דוגמא אויף "כל שתעבתי לך" פון א דבר שבהוה - איסור אכילת דם וחלב, נותר, פיגול, נבילה, טריפה וכיו"ב - פארוואס גיט ער א דוגמא דוקא פון "צרם אוזן בכור כדי לשוחטו במדינה" (אז דאס איז "דבר שתעבתי לך, כל מום לא יהי' בו, ובא ולמד כאן שלא ישחט ויאכל על אותו המום") וואס איז א דבר בלתי רגיל לגמרי:

ערשטנס איז לאו דוקא אז די צאן זאל האבן א בכור און ניט א נקבה, און ס'איז לאו דוקא אז דער בכור זאל ניט געבארן ווערן

---

120) ראה ב"ב רפ"ג. ובכ"מ. 121) אמור כב, כא. 122) משפטים כא, כח. כב, יז. שם, כא. שם, ל. פרשתנו יג, ז. 123) משפטים שם (כב, ל).

מיט א מום, ועאכו"כ אז דערנאך זאל ער ניט באקומען א מום, ובפרט אז ער איז בכור וואס בטבעו ווילדעוועט ער ארום מיט די בהמות שמסביבו כו', און דערצו איז א דבר אינו רגיל אז עס זאל זיין דוקא "צרם אוזן בכור"!

האט רש"י ניט געפונען קיין בעסערע דוגמא לכאורה ווי דוקא "צרם אוזן בכור כדי לשוחטו במדינה"?!

ג) די צווייטע דוגמא וואס רש"י ברענגט - "בשל בשר בחלב כו' והזהיר כאן על אכילתו" - איז אויך ניט פארשטאנדיק:

עה"פ (בפ' משפטים[124]) "לא תבשל גדי בחלב אמו" האט רש"י מפרש געווען: "בשלשה מקומות[125] נכתב בתורה, אחד לאיסור אכילה ואחד לאיסור הנאה ואחד לאיסור בישול".

היינט וואס גיט צו דער פסוק דא - לויט פרש"י "בשל בשר בחלב כו' להזהיר על אכילתו" - אויפן איסור "לא תבשל גדי בחלב אמו" וואס איז אויך כולל אכילתו?!

ד) וואס איז דער דיוק בנוגע צו דער ערשטער דוגמא "בא ולמד כאן שלא ישחט ויאכל על אותו המום" - וואס גיבן צו די ווערטער?

ה) דער שינוי לשון רש"י בא די צוויי דוגמאות: בא דער ערשטער דוגמא שרייבט רש"י "בא ולמד כאן שלא ישחט ויאכל", און בא דער צווייטער דוגמא שרייבט ער "הזהיר כאן על אכילתו"?

מיט נאך א ריבוי קשיות בפרש"י זה וואס איז מלא קשיות כרמון!

אלע מפרשים שטעלן זיך אויף דער רש"י, אבער כמדובר כמ"פ, זיי זיינען מבאר ווי דאס שטימט מיט דער גמרא און הלכה, ביז ע"ד הסוד - אבער לכל לראש לערנט רש"י פשוטו של מקרא מיט א בן חמש למקרא, און ערשט דערנאך קומט דער דרך הלימוד פאר א בן עשר למשנה ובן חמש עשרה לגמרא, ביז בן ארבעים לבינה, וואס דעמולט איז ער שייך צו לימוד הסוד, ווי עס שטייט[126] אז מ'זאל ניט לערנען קבלה (סוד) ביז בן ארבעים שנה.

וכפי שיתבאר לקמן.

כח. אויפן זהר דפרשתנו זיינען ניטא קיין הערות פון טאטן. אבער

124) כג, יט. 125) משפטים שם. תשא לד, כו. פרשתנו יד, כא. 126) ש"ך יו"ד סרמ"ו סק"ז.



SichosKodesh.com

לד. ויה"ר אז אזוי ווי ער זאגט אין לקו"ת פרשתנו[158] אז "צריך להרבות בצדקה מר"ח אלול"[159], און "אומרים סליחות..מר"ח אלול ואילך"[160] (ווי געריעדט פריער אין מאמר) - און שוין איצטער בשבת מברכים אלול איז מען מחליט דאס טאן בפועל בחודש אלול -

זאל מען שוין איצטער באקומען דעם שכר אויף דעם, כפס"ד הידוע בשו"ע[161] אז שוין ווען מ'נעמט אן די החלטה בזה צאלט אפ דער אויבערשטער דעם שכר בפועל,

ובפרט אז מ'שטייט איצטער בזמן רעוא דרעוין, זמן מנחה, "עת רצון" (ווי מ'זאגט בתפלת מנחת שבת "ואני תפלתי לך ה' עת רצון"[162]) -

אז עס זאל מקויים ווערן דער רצון פון אלע אידן, אז עס זאל גלייך קומען די גאולה האמיתית והשלימה, ווי אידן שרייען "עד מתי", און מ'זאגט בתפלה בכל יום - "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", וואס "ותחזינה עינינו" מיינט בפשטות אז אט די אויגן וואס זען איצטער אידן ארום זיך, זאלן זען "בשובך לציון ברחמים"!

ובפרט אז דאס איז אויך דער רצון פון דעם אויבערשטן, ואדרבה - דער אויבערשטער וויל דאך מער פאר אלעמען, און דער עיקר רצון - אז עס זאל שוין קומען די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

און מ'וועט אלע גיין אין ארצנו הקדושה, שלימות הארץ, ובאופן פון "ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[163], און דארטן גופא אין ירושלים עיר הקודש, להר הבית, און "מקדש אד' כוננו ידיך",

און מ'איז זוכה צום קיום היעוד[164] "ואשיבה שופטיך כבראשונה גו'",

ובמהרה בימינו ממש.

* * *

לה. דער ביאור בפרש"י:

די קשיא וואס רש"י קומט באווארענען אין דעם פסוק איז - אז

158) כה, ב. 159) ראה בהנסמן במ"מ ללקו"ת שם. 160) לקו"ת עקב יד, א. 161) או"ח סתקע"א ס"ג. 162) תהלים סט, יד. וראה ד"ה ואני תפלתי תרנ"ד, תש"ד. ועוד. 163) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. (ובפרש"י שם. מספרי שם. ועוד). 164) ישעי' א, כו.

דער גאנצער פסוק "לא תאכל כל תועבה" איז לכאורה איבעריק, דמאי קמ"ל?

איז דאס מכריח רש"י'ן אז דער פסוק קומט עפעס מחדש זיין. איז רש"י מפרש אז דאס קומט מחדש זיין, אז "כל שתעבתי לך" איז "לא תאכל".

ד.ה. דער פסוק רעדט ניט וועגן א תועבה בעצם (ווי איסור אכילת דם, חלב, נותר, פיגול וכו'), ווייל דעמולט איז מאי קמ"ל אז "לא תאכל", זיי זיינען דאך תעב מצד עצמם און עס שטייט שוין פריער אין תורה אז מ'טאר זיי ניט עסן – נאר דער פסוק קומט דא מוסיף זיין א זאך וואס מ'האט ביז איצטער ניט געוואוסט, אז עס זיינען דא ענינים וואס מצד עצמם זיינען ניט תועבה, נאר "תעבתי לך", צו א אידן דוקא – איז אויף דעם דא א ציווי מיוחד צו א אידן אז "לא תאכל".

די הסברה בזה: "לא תאכל כל תועבה" קומט בהמשך צו דעם וואס שטייט לפנ"ז – "עם קדוש אתה לה' אלקיך ובך בחר ה' להיות לו לעם סגולה מכל העמים אשר על פני האדמה", ד.ה. וויבאלד אז אידן זיינען העכער פאר שאר האומות ("עם קדוש אתה גו' ובך בחר ה' להיות לו לעם סגולה") – קומען צו נייע ענינים וואס זיינען ניט תועבה מצד עצמם, אבער "תעבתי לך", מצד דעם וואס איר זייט "עם סגולה" איז דאס א תועבה.

ד.ה. אז לולא זה וואס אידן זיינען "עם סגולה" איז דאס ניט קיין דבר תעב און ניט אסור באכילה. און וויבאלד אז אידן זיינען "עם סגולה" איז "לא תאכל" אויך "כל שתעבתי לך" (ניט נאר דברים תועבים מצ"ע).

דאס הייסט:

אלע מאכלות אסורות וואס שטייען פריער אין תורה – דם, חלב, נבלה, טריפה, נותר, פיגול – זיינען אלע ענינים וואס זיינען תעב ומאוס בעצם. לדוגמא – דם: רש"י האט פריער מפרש געווען בפרשתנו[165] בנוגע צו איסור אכילת דם[166], אז "נפשו של אדם קצה ממנו". וכיו"ב בנוגע צו די אנדערע מאכלות אסורות.

ועד"ז פיגול איז פירושו בפשטות – א דבר מאוס. און דער איסור פון נותר איז בפשטות – ווייל דעמולט פארלירט שוין דער מאכל זיין פרישקייט, ס'איז א פארשמעקטע זאך, און אין קדשים איז דער שיעור לזה א זמן מסויים, ולאחרי זה איז דאס אזוי ווי א

165) יב, כה. 166) שם כג, ואילך.



SichosKodesh.com

פארשמעקטע זאך.

ד.ה. אז די אלע מאכלות אסורות זיינען תעב מצד עצמם ע"פ טבע, דעריבער איז מובן פארוואס זיי זיינען אסור באכילה, זיי זיינען א דבר מאוס פאר אלע מענטשן, ניט נאר אידן. און אויף דעם דארף מען ניט אנקומען צו דעם פסוק בפרשתנו "לא תאכל כל תועבה" - ווייל זיי זיינען תועבה מצד עצמם פאר אלע מענטשן (ניט דוקא פאר "עם סגולה") און מ'ווייסט שוין פון פריער אז זיי זיינען אסור באכילה.

בעצם וואלטן אוה"ע אויך געווען אסור בזה (מצד דעם וואס דאס איז תועבה ומאוס), אבער ווי רש"י האט שוין פריער מפרש געווען[167] "משל לרופא שנכנס לבקר את החולה וכו'", וואס המשך המשל איז, אז אידן זיינען בדוגמא ווי א חולה וואס מ'קען מרפא זיין, האט מען זיי דעריבער אנגעזאגט די איסורי אכילה, משא"כ אוה"ע זיינען ווי א חולה וואס דער רופא זעט אז קיין זאך וועט אים ניט העלפן, במילא האט מען אויף זיי שוין ניט גע'אסר'ט בענינים אלו, ווייל ס'וועט סיי-ווי ניט העלפן.

וואס עפ"ז איז מובן אז די איסורי אכילה זיינען בעצם א תועבה פאר אלע בני אדם, נאר צוליב א סיבה צדדית האט מען עס ניט גע'אסר'ט אויף אוה"ע.

בשעת עס קומט אבער צו דעם פסוק בפרשתנו וואס זאגט אז "עם קדוש אתה גו' ובך בחר ה' להיות לו לעם סגולה מכל העמים" - דעמולט קומט צו א נייער איסור "לא תאכל כל תועבה", וואס באשטייט ניט פון דברים מתועבים בעצם, נאר "כל שתעבתי לך", ביחס צו "עם קדוש..עם סגולה". אבער לולא זה איז דאס ניט תועבה און ניט אסור באכילה.

לו. ועפ"ז איז מובן פארוואס רש"י קען דא ניט געבן דוגמאות פון די מאכלות אסורות ווי טריפה ונבלה ודם וחלב ונותר ופיגול כו' - ווייל זיי זיינען אלע תעב בעצם (ניט דוקא פאר "עם סגולה") און מ'האט שוין פריער געלערנט וועגן איסור אכילתם, און אויף דעם דארף מען ניט אנקומען צו דעם פסוק בפרשתנו "לא תאכל כל תועבה".

דעריבער דארף רש"י געפינען אנדערע דוגמאות וואו עס דריקט זיך אויס דער איסור חדש בפסוק זה - אז ביחס צו "עם סגולה" זיינען דא דברים נוספים וואס "תעבתי לך" דוקא (מצד דיין העכערע דרגא), אבער לולא זה איז דאס ניט תועבה.

---

167) שמיני יא, ב.

גיט אויף דעם רש"י די ערשטע דוגמא – "כגון צרם אוזן בכור כדי לשוחטו במדינה":

כאטש ס'איז דא אן איסור ניט צו מאכן קיין מום אין א בכור, איז אין דעם אבער ניטא קיין ענין פון תועבה ומיאוס בעצם, ס'איז אפילו ניטא דער ענין פון צער בעלי חיים, ווייל דער אוזן האט א הארטן חלק וואס גיט ניט קיין צער בשעת מ'איז דאס צורם.

נאכמער: רש"י גיט דא צו אז דער "צרם אוזן בכור" איז "כדי לשוחטו במדינה". וואס איז דאס דא נוגע? איז דאס נוגע דערצו ווייל דאס גיט צו פארשטיין ווי דא איז ניטא קיין שום ענין פון תועבה ומיאוס מצ"ע: אפילו מ'זאל זאגן אז ס'איז ניטא קיין תועבה אין מאכן א מום בבכור, אפילו ניט קיין צער, איז אבער פאָרט די שאלה וואס דארף מען זיך גלאט טשעפען מיט א בהמה? באווארנט עס רש"י מיטן זאגן אז דאס איז "כדי לשוחטו", בכדי אז דער מענטש זאל הנאה האבן דערפון, וואס מצד התועלת שבזה וועגט עס אריבער כל עניני צער.

ווי מ'האט פריער געלערנט, אז אע"פ וואס ס'איז דא אן איסור פון צער בעלי חיים[168], ביז אז "כי תראה חמור שונאך רובץ תחת משאו גו' עזוב תעזוב עמו"[169] – מעג מען אבער נוצן א "חמור למשאוי"[170] (וכיו"ב), אע"פ וואס דאס איז שווער פארן חמור, ווייל די תועלת שבזה וועגט אריבער דעם צער.

במילא קומט אויס, וויבאלד אז "צרם אוזן בכור כדי לשוחטו במדינה" (און האבן דערפון א תועלת), איז אין דעם ניטא קיין תועבה בעצם.

אעפ"כ, וויבאלד אז אידן זיינען "עם סגולה" – איז דאס "דבר שתעבתי לך כל מום לא יהי' בו". און דערפאר קומט דער פסוק און לערנט – "בא ולמד כאן שלא ישחט ויאכל על אותו המום".

ועפ"ז איז אויך מובן פארוואס רש"י גיט צו די ווערטער "שלא ישחט ויאכל על אותו מום": וויבאלד אז דער איסור האכילה פון א בכור שצרם אזנו איז מצד דעם וואס דאס איז "דבר שתעבתי לך", אבער צרם אוזן בכור איז ניט קיין תועבה בעצם – איז מובן אז דאס איז נאר אויב מ'שחט און מ'עסט דעם בכור "על אותו מום" (וואס איז געקומען מצד צרם אזנו); אבער אויב דער בכור האט אן אנדער מום וואס איז ניט געקומען ע"י דעם אידן שצרם אזנו – מעג ער דאס

168) ראה ב"מ לב, ב. שו"ע אדה"ז או"ח סש"ה סכ"ו. חו"מ הל' עוברי דרכים וצער בע"ח. 169) משפטים כג, ה. 170) ל' הגמרא – ע"ז ה, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

עסן, ווייל ס'איז ניט "דבר שתעבתי לך".

דערנאך גיט רש"י צו א צווייטע דוגמא - "בשל בשר בחלב הרי דבר שתעבתי לך, והזהיר כאן על אכילתו":

וויבאלד אז "בשל בשר בחלב" איז א "דבר שתעבתי לך", כאטש ס'איז ניט קיין דבר תעב בעצם, ווייל לכאורה, וועמען ארט עס אז ער איז מבשל בשר בחלב און עסט עס ניט, נאר דערפון איז מובן אז דאס איז ניט א דבר של תועבה, נאר א "דבר שתעבתי לך" - איז נוסף לזה וואס ס'איז דא דער איסור פון אכילת בשר בחלב בכלל, ניט דוקא ווען מ'קאכט עס אליין (ווי מ'לערנט אפ פון "לא תבשל גדי בחלב אמו" ג' פעמים), קומט צו נאך אן איסור אז אויב "בשל בשר בחלב" טאר ער אליין דאס ניט עסן מצד דעם איסור פון "לא תאכל כל תועבה", "כל שתעבתי לך".

ועפ"ז איז מובן אז דער צווייטער איסור אכילה ("לא תאכל כל תועבה") איז נאר בנוגע צו דעם אידן וואס האט אליין געקאָכט בשר בחלב, אבער אן אנדער איד האט ניט דעם איסור נוסף.

און די נפק"מ בפועל (דלכאורה בין כך ובין כך איז דאס אסור באכילה) איז - אז "בשל בשר בחלב" און ער אליין עסט עס, איז ער עובר מיט דער אכילה אויף צוויי לאוין (נוסף צום לאו פון "לא תבשל גדי בחלב אמו", איסור בישול), דער לאו פון איסור אכילת בשר בחלב בכלל מצד "לא תבשל גדי בחלב אמו", און דער לאו פון "לא תאכל כל תועבה", "כל שתעבתי לך". משא"כ א צווייטער איז נאר עובר אויף דעם ערשטן לאו.

ויש להאריך בזה, אבער דאס וואס מ'האט גערעדט איז זיכער גענוג.

לז. דער ביאור בעבודת האדם אין דעם וואס ער זאגט אין דער הערה אויפן זהר אז אלול איז בגימטריא בינה:

רבותינו נשיאנו, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר, זיינען מבאר בכ"מ[171] אז חודש אלול איז א חודש פון חשבון הנפש, צו מאכן א חשבון צדק פון אלע ענינים וואס מ'האט געטאן. וכמבואר[172] "ובכתה[173] את אבי' ואת אמה ירח ימים" אז דאס גייט אויף חודש אלול, בגימטריא בינה (בחינתו פון ר' ארא).

---

171) ראה סה"מ אידיש ע' 75. שם ע' 129. ועוד. 172) ל"ת להאריז"ל תצא כא, יג (וראה גם אוה"ת נ"ך (כרך א) ס"ע תסז. (כרך ב) ס"ע א'נ). 173) תצא שם.

הנחה בלתי מוגה